# דעם רבינ'ס ליכט



אַייִערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

שמיני - פרה תשפ"ב
גליון 86

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרע קִינְדֶער

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגֶע פּוּרִים. מִיר הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת פוּן פּוּרִים בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו פוּן ר׳ נָתָן וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט אַז יֶעצְט נָאךְ פּוּרִים דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען לְרָצוֹן אוּנְזֶערֶע עֲבוֹדוֹת פוּן פּוּרִים.

דֶער שַׁבָּת רוּפְט זִיךְ שַׁבָּת פָּרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן שַׁבָּת פָּרָה אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פַּרְשַׁת פָּרָה" - נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה. דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר אַז פָּרָה אֲדוּמָּה אִיז אַ הֲכָנָה צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, וַוייל מֶען לֵיינְט פַּרְשַׁת פָּרָה זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן טֻמְאַת מֵת, מֶען זָאל זַיין טָהוֹר אוּן קֶענֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם הֵיילִיגְן קָרְבַּן פֶּסַח.

עֶס אִיז דָא בְּרִיוו וואוּ ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער לֵייגְט אַרָאפּ וִויאַזוֹי ר׳ נָתָן הָאט מִיט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן מִיט דִי רְמָזִים פוּן דִי הֶענְט גֶעוִויזְן אוּן פַארְצֵיילְט וִויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער מִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אוּן הוֹיכֶע קוֹל: "פוּן אָנְהֵייבּ זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת גֶעוֶוען פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע מִצְווֹת זֶענֶען אַ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם," אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעצוֹיגְן מִיט גָאר אַ זִיסֶע קוֹל: "אוּן הַיייייייינְט..." אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל!

גְלַייךְ נָאךְ דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי צֶען בַּאווּאוּסְטֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס אִיז בַּאקַאנְט אַלְס דֶער 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'. אַז אַלֶע דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער זָאלְן וִויסְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן הַבְטָחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט מִיט בַּאגְלַייבְּטֶע עֵדוּת אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין הֵיילִיגְן קֶבֶר אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ וֶועט זִיךְ דֶער רֶבִּי לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט, אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. אוּן הַיינְט דַארְף מֶען פָארְן אוּן מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן.




אוּן דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז הַיינְט דַארְף מֶען מְגַלֶּה זַיין פַאר אַלֶעמֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מִיט'ן צוּזָאג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן הַיינְט דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה - וָואס מִיר, קִינְדֶער, הָאלְטְן טַאקֶע יֶעצְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען - דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי 'זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס'. וואוּ דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט צוּם סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז פַארְהַאן צֶען עֶרְלֵיי נִגּוּנִים, אוּן דֶער בֶּעטְלֶער אָן דִי הֶענְט הֵיילְט דִי

המשך אויף זייט 8

# הרה"ח
# ר' לוי יצחק
# בענדער זצ"ל



# דערציילט

לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מְ'לִיזֶענְסְק בַּעַל נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ זי"ע, בְּרֶענְגֶען מִיר עֶטְלִיכֶע סִפּוּרִים דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי"ע.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיים רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ, אַז אֵיינֶער אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כִּמְעַט אַ 'טוֹיטֶער' פוּן אַזוֹיפִיל סִגּוּפִים אוּן עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה הָאט גֶעטוּן - צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן. כִּמְעַט אַ 'מֵת' אִיז עֶר גֶעוֶוען!

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס הָאסְטוּ מִיר דָא גֶעבְּרֶענְגְט? אַ מֵת?!" אִיךְ קֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט רֶעדְן מִיט אִים?! עֶר אִיז דָאךְ הוֹיט אוּן בֵּיין?!

הָאט דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן ר' אֶלְעָזָר; דוּ גֵיי גִיבּ אִים עֶסְן! גֵיי, אוּן זֶע אַז עֶטְלִיכֶע וָואכְן זָאל עֶר גוּט עֶסְן, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, וֶועל אִיךְ קֶענֶען רֶעדְן מִיט אִים! עֶר זָאל קֶענֶען דִי וֶועלְט, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ אִים בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר! ר' אֶלְעָזָר הָאט אִים טַאקֶע גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע וָואכְן הָאט דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶערֶעדְט מִיט דֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן!

פִּירְט אוֹיס ר' לֵוִי יִצְחָק: אַזוֹי אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים עִנְיָן פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'. וֶוען אַ אִיד מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף עֶס זַיין מִיט 'שִׂמְחָה'! מֶען דַארְף זִיךְ מְשַׂמֵּחַ זַיין אַז סְ'אִיז דָא אִין מִיר אַזַא מִין טוֹב, וָואס מַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין קֶעגְן דֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן מַיין טוֹב, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן מַיינֶע כּוֹחוֹת, דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין אוּן זִיךְ זָאגְן: "נֵיין! דוּ זָאלְסְט וִויסְן דוּ הָאסְט אִין דִיר כּוֹחוֹת, דוּ הָאסְט אִין דִיר כּוֹחוֹת, דוּ קֶענְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד! דוּ קֶענְסְט זַיין אַ צַדִיק! נָאר בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דַיינֶע כּוֹחוֹת!

דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים זַיין בְּרוּדֶער דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "בְּרוּדֶער זָאג מִיר, וָואס עֶפֶּעס בַּיי דִיר טוּט זִיךְ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים, אוּן עֶפֶּעס גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן טוּעֶן זִיךְ בַּיי דִיר, וָואס אִיז דָאס?!" דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ הָאט דָאךְ גֶעקְלִינְגֶען אִין דֶער וֶועלְט, מִיט זַיינֶע גְרוֹיסְקַייטְן מִיט זַיינֶע עוֹבְדוֹת.




הָאט אִים דֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט, **"דָאס אִיז נָאר דֶערְפַאר – וַוייל דִי אִידְן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן!! עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אַהֲבָה צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן!"** אַזוֹי הָאט אִים דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט! דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דָא בַּיי מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן!

הָאט גֶעזָאגְט דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא; "יָא, סְ'אִיז רִיכְטִיג, דָאס אִיז דָאס!" עֶר הָאט אִים מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דָאס, דֶער כֹּחַ וָואס אִיז דָא דָא, אַז סְ'אִיז דָא אַהֲבָה צְוִוישְׁן דֶעם צַדִיקְ'ס מֶענְטְשְׁן, אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פַארְן צַדִיק, אִיז דֶער צַדִיק אַלֵיין גָאר עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ!



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

**פַאר פּוּרִים**, אִין טָאג פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֲמָלֵק ווִיל מִיר שְׁטֶערְן אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הַיילִיגְן טָאג. עֶר הָאט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעלָאזְט זָאגְן קַיין תִּיקּוּן הַכְּלָלִי יֶעדֶעס מָאל מִיט אַנְדֶערֶע סִבּוֹת. אוּן נָאר צוּם סוֹף טָאג הָאבּ אִיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין צוּ זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן קַאפִּיטְל כ"ב וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן אִין דֶעם טָאג.

פּוּרִים פַאר מִנְחָה הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין טַאטֶע עֶר זָאל גֵיין מִיט מִיר צוּ אַ שׁוּל וָואס דָארְט אִיז דָא מֶער הִתְעוֹרְרוּת ווַייל דִי שׁוּל וואוּ מִיר דַאוֶוענֶען גֶעווֶעְנְלִיךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא הִתְעוֹרְרוּת. אָבֶּער דַאן הָאבְּן דִי מְנִיעוֹת זִיךְ ווִידֶער גֶעשְׁטַארְקְט אוּן צוּלִיבּ אַ גֶעווִיסֶע סִיבָּה הָאט מַיין טַאטֶע נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען דָארְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן אֶפְשַׁר דָאךְ קֶען אִיךְ גֵיין דָארְט וואוּ מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען בֶּעסֶער? הָאט מַיין טַאטֶע מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט עֶפֶּעס אַ תְּנַאי וָואס עֶר הָאט פוּן מִיר פַארְלַאנְגְט.

דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי מְגִלָּה מִיט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת אוּן גֶעשְׁמַאק דָאס הָאט מִיר דֶערְפְרֵייט אוֹיף אַ גַאנְץ פּוּרִים, ווִי אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי צוּ דִי אַלֶע מִצְווֹת וָואס מֶען דַארְף מַאכְן מֶשֶׁךְ דֶעם טָאג פּוּרִים אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן פּוּרִים בַּאגְלֵייט מִיר בִּיז הַיינְט אוּן אִיךְ הָאף בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַז דָאס וֶועט מִיר בַּאגְלֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת צַו בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן דֶעם סֵפֶר "מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע" אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ מְפַרְסֵם גֶעוֶוען פַאר אַסַאךְ וָואכְן צוּרִיק אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן מְפוּרְסָם, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיר גֶעוָואלְט אִיבֶּערְרֶעדְן אִיךְ זָאל וֶוערְן בְּעַצְבוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיךְ הָאף אַז עֶס וֶועט בעז"ה אַרוֹיסְקוּמֶען נָאךְ אַזַא סֵפֶר, אוּן אוֹיךְ מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע וֶוערְט וֶוערְן גֶעדְרִיקְט.

**מֹשֶׁה חַיִּים**

***טַייעֶרֶער מֹשֶׁה חַיִּים אוּן צוּ אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַייעֶר מַעֲשֶׂה'לֶע אִינֶעם נַייעֶם בּוּךְ "מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע", מִיר הָאבְּן מִשְׁתַּדֵּל גֶעוֶוען אַרַיינְצוּלֵייגְן אַלֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ וָואס דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט בִּיז אִינְמִיטְן זוּמֶער תשפ"א. מִיר אַרְבֶּעטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם סֵפֶר אַפָּאר חֳדָשִׁים עֶס אִיז עֶרְשְׁט נָאר יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. עֶס קֶען זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְזַאמְלֶען מַעֲשֶׂה'לֶעךְ וֶועט מֶען קֶענֶען בעז"ה דְרוּקְן נָאךְ אַ סֵפֶר. אַדְּרַבָּא זַייט מִתְפַּלֵּל!!***




**דֶעם** הַיילִיגְן רֶבִּי'נְס עֲבוֹדָה אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע קְדוּשָּׁה אוּן יִרְאָה וָואס אִיז גֶעלֶעגְן שַׁבָּת אוֹיפְן רֶבִּי'נְס פָּנִים, בִּפְרָט אִין רֶבִּי'נְס אִינְגֶע יָארְן אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוֹיפְן פַּאפִּיר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיי דִי סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּיינַאכְט, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם אוּן גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה הַמּוֹצִיא לֶחֶם, אוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע הָאבְּן שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ הַמּוֹצִיא אוּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי חַלָּה. אָבֶּער דֶער רֶבִּי גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ שְׁטִיקְל חַלָּה אִיז עֶר אַרוֹיף מִיט זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין גָאר הוֹיכֶע וֶועלְטְן אוּן זִיךְ בַּאהָאפְטְן אִין הַיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט גָאר אַ גְרוֹיסֶע דְּבֵקוּת אוּן אַ פָּארְכְטִיגֶע יִרְאָה.

דֶער רֶבִּי זִיצְט שְׁטִיל מִיט אָפֶענֶע אוֹיגְן מִיט אַ ווָאוּנְדֶערְבַּארֶע אוּן שְׁטַארְקֶע דְּבֵקוּת אַ גַאנְצֶע נַאכְט... דִי שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט

הַמשך אויף זייט 8

# די זיבן בעטלערס

~4~




**דֶעם** דְרִיטִין טָאג. הָאבִּין זִיךְ חָתָן כַּלָּה וִוידֶער דֶערְמַאנְט. אוּן הָאבִּין גִיוֵויינְט אוּן גִיבֶּענְקְט. ווִי נֶעמְט מֶען דָא. דֶעם דְרִיטְן בֶּעטְלִיר. וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כְּבַד פֶּה (דְהַיינוּ עֶר הָאט גִישְׁטָאמְפִּילְט מִיט דֶעם מוֹיל).

דֶערְוַוייל קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט. אִיךְ בִּין דָא. אוּן אִיז זֵיי אַרוּם גִיפַאלִין. אוּן הָאט זֵיי גִיקוּשְׁט אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַ״ל. פְּרִיר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גִיבֶּענְטְשְׁט. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק. אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ווִי אִיךְ. אִיר מֵיינְט אִיךְ בִּין אַ כְּבַד פֶּה. אִיךְ בִּין גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. נָאר דִי דִיבּוּרִים פוּן דֶער וֶועלְט וָואס זֵיי זֶענֶען נִיט קֵיין שְׁבָחִים צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט

(כְּלוֹמֶר דְרִיבֶּער הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי אַ כְּבַד פֶּה. וָואס קֶען נִיט רֵיידִין. וָוארִין עֶר ווִיל גָאר נִיט רֵיידְן קֵיין שׁוּם וָוארְט פוּן דֶער וֶועלְט. וָואס סֶע אִיז נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וָוארִין דִי רֵייד וָואס נִיט קֵיין לוֹיבּ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאבִּין קֵיין שְׁלֵימוּת נִיט. אִיבֶּער דֶעם שְׁטָאמְפִּילְט עֶר אִין דִי רֵייד).

אָבֶּער צוּם אֶמֶת בִּין אִיךְ גָאר קֵיין כְּבַד פֶּה נִיט. אַדְרַבָּא. אִיךְ בִּין אַ מֵלִיץ אוּן אַ דַבְּרָן דְהַיינוּ אַ רֵיידֶער. זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער וָואס סֶע אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ. אוּן אִיךְ קָאן רֵיידִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער וָואס זֵיי זֶענֶען ווִילְדֶע חִידוּשִׁים. וָואס אַז אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֵיידִין מַיינֶע חִידוֹת מִיט מַיינֶע שִׁירִים מִיט מַיינֶע לִידֶער. אִיז גָאר נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין שׁוּם נִבְרָא אִין דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מִיךְ נִיט וֶועלִין הֶערִין (כְּלוֹמֶר סֶע נִיט דָא קֵיין שׁוּם בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אִין דֶער וֶועלְט וָואס סֶע זָאל נִיט וֶועלִין הֶערִין זַיינֶע שִׁירִים וְכוּ׳) אוּן סֶע אִיז אִין זֵיי דָא (דְהַיינוּ אִין דִי חִידוֹת אוּן אִין דִי שִׁירִים וָואס עֶר זָאגְט) כָּל הַחָכְמוֹת. אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיין הַסְכָּמָה דְרָאף. פוּן דֶעם גְרוֹיסִין מַאן וָואס עֶר הֵייסְט דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד.

וָוארִין אַמָאל, זֶענֶען גִיזֶעסִין אַלֶע חֲכָמִים אוּן אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה. אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה. אַייזִין. (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶען זָאל קֶענֶען מַאכִין אַייזִין פוּן דֶער עֶרְד דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט).

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט אֵיין אַנְדֶער מִין מַתֶּכֶת (דְהַיינוּ אֵיין אַנְדֶער מִין אַייזִין וַוארְג. צִין אָדֶער בְּלַיי וְכוּ׳) אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט מִיט זַיין חָכְמָה זִילְבֶּער. דָאס אִיז שׁוֹין חָשׁוּבֶער (דְהַיינוּ דָאס וָואס מֶע קָאן מַאכִין זִילְבֶּער. דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט) אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט. מֶע זָאל קֶענֶען מַאכִין גָאלְד. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט כְּלֵי מִלְחָמָה. (דְהַיינוּ דִי כֵּלִים וָואס מֶע הַאלְט מִיט זֵיי מִלְחָמָה. דְהַינוּ בִּיקְסְן אוּן הוּרְמַאטִיס אוּן דֶעסְט גְלַייכִין דִי חָכְמָה צוּ מַאכִין דִי כֵּלִים דָאס הָאט עֶר אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט).

אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט. עֶר קָאן מַאכִין דִי

אַייזין וואַרְג. נִיט פוּן דִי זַאכִין. וָואס זֵיי מַאכִין דֶערְפוּן דִי אַייזִין וַוארְג. אוּן דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת. וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין כַּמָּה זַאכִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס מֶע הָאט אַרוֹיס גִיבְּרַאכְט דוֹרְךְ חָכְמוֹת. דְהַיְינוּ סַאלִיטְרֶע אוּן פִּילְוִויר אוּן דֶעסְט גְלַייכִין הָאט זִיךְ אִיטְלִיכֶער בַּארִימְט מִיט זַיין חָכְמָה.

הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינֶער אָנְגִירוּפִין אִיךְ בִּין קְלוּגֶער פוּן אַייךְ. וָוארִין אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי דֶער טָאג. הָאט מֶען דָארְט נִיט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט. עֶר אִיז קְלוּג וִוי דֶער טָאג. הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגִירוּפְן. וָוארְן אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת. קָאן מֶען זֵיי צוּם אוֹיף נֶעמֶען. וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִיט זַיין. נָאר אֵיין שָׁעָה. כָּאטְשֶׁע אִיטְלִיכֶע חָכְמָה נֶעמְט זִיךְ פוּן אֵיין אַנְדֶערִין טָאג. וֶועדְלִיג דִי בְּרִיאָה וָואס סֶע גִיוֶוען אִין אִיטְלִיכְן טָאג.

וָוארִין אַלֶע חָכְמוֹת זֶענֶען זִיךְ הַרְכָּבוֹת (דְהַיְינוּ מֶע מִישְׁט צוּם אוֹיף עֶטְלִיכֶע זַאכִין אִין אֵיינֶעם אוּן דֶערְפוּן מַאכְט מֶען דִי זַאךְ. אִיבֶּער דֶעם נֶעמְט זִיךְ אִיטְלִיכֶע חָכְמָה פוּן דֶעם טָאג. וָואס אִין דֶעם טָאג הָאט גָאט בַּאשַׁאפִין דִי זַאכִין וָואס דֶערְפוּן נֶעמְט מֶען דִי מַאטֶערְיֶעס אוּן מֶע מִישְׁט אוֹיס מִיט חָכְמָה אוּן מֶע מַאכְט דִי זַאךְ וָואס מֶע ווִיל מַאכִין זִילְבֶּער אָדֶער קוּפֶּער אוּן דֶעסְט גְלַייכִין) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט קָאן מֶען מִיט חָכְמָה צוּם אוֹיף נֶעמֶען אַלֶע אַייעֶרֶע חָכְמוֹת וֶועט פוּן זֵיי מֶער נִיט זַיין נָאר אֵיין שָׁעָה.

אָבֶער אִיךְ בִּין קְלוּג וִוי אַ גַאנְצֶער טָאג. (אַזוֹי הָאט זִיךְ בַּארִימְט דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חָכָם הַנַּ״ל) הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּ אִים (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וִוי וֶועלְכֶער טָאג (כְּלוֹמֶר וִוי וֶועלְכֶער טָאג בִּיסְטוּ קְלוּג) הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפִין. אָט דֶער אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר. וַוייל עֶר פְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. לוּשְׁמִיר וִוי וֶועלְכֶער טָאג אִיר ווִילְט אַזוֹי בִּין אִיךְ קְלוּג. לוּשְׁמִיר פַאר וָואס זֶע ווִידֶער אִיז דֶער קְלוּגֶער. וַוייל עֶר הָאט גִיפְרֶעגְט וִוי וֶועלְכֶער טָאג. דֶער חָכָם אִיז זִיךְ אוֹיךְ קְלוּג וִוי וֶועלְכִין טָאג עֶר ווִיל. נָאר סֶע פַּארְהַאנְדִין אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

וָוארִין דֶער אֶמֶתִיר אִישׁ חֶסֶד. אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן. אוּן אִיךְ (דְהַיְינוּ דֶער כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמֶתִי חֲסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. אוּן דֶער עִיקָר זְמַן (דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין אַ צַייט וָוארִין דִי צַייט אַלֵיין דְהַיְינוּ אַז סֶע זָאל זַיין יָאר אוּן טֶעג אוֹיף דֶער וֶועלְט דָאס אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפִין) וֶוערְט נָאר דוֹרְךְ אֶמֶתִי חֲסָדִים. אוּן אִיךְ גֵיי אוּם אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֶמֶתִי חֲסָדִים אוּן בְּרֶענְג זֵיי צוּ דֶעם אֶמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. וָואס דֶערְפוּן וֶוערְט דֶער זְמַן.

אוּן סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אַ בַּארְג. אוּן אוֹיף דֶעם בַּארְג שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין. אוּן פוּן דֶעם שְׁטֵיין גֵייט אַ קְוַואל. אוּן אִיטְלִיכֶע זַאךְ הָאט אַ הַארְץ. אוּן דִי וֶועלְט אִין גַאנְצִין הָאט אוֹיךְ אַ הַארְץ. אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיז אַ גַאנְצֶע קוֹמָה מִיט אַ פָּנִים אוּן מִיט הֶענְט אוּן פִּיס וְכוּ׳. לוּשְׁמִיר דֶער נָאגִיל פוּן דֶעם פוּס פוּן דֶעם הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. אִיז הַארְצִיקֶער אֵיידֶער אֵיין אַנְדֶערִינְס הַארְץ.

אוּן דֶער בַּארְג מִיט דֶעם קְוַואל שְׁטֵייט אִין אֵיין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס הַארְץ פוּן דֶער וֶועלְט. שְׁטֵייט אִין דֶעם אַנְדֶערִין עֶק פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן דָאס הַארְץ. שְׁטֵייט אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן גְלוּסְט אוּן בֶּענְקְט תָּמִיד זֵייעֶר אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן דָאס בֶּענְקֶען אוּן דָאס גְלוּסְטִין פוּן דֶעם הַארְץ צוּא דֶעם קְוַואל אִיז גָאר ווִילְד. אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד דָאס הַארְץ אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל גְלוּסְט צוּ דֶעם הַארְץ אוֹיךְ.

אוּן דָאס הַארְץ. הָאט צְוֵויי חֲלִישׁוּת (דְהַיְינוּ צְוֵויי שְׁלַאפְקֵייט). אֵיינְס וָוארִין דִי זוּן יָאגְט עֶס זֵייעֶר. אוּן בְּרֶענְט עֶס. (וַוייל סֶע בֶּענְקְט אַלְץ אוּן ווִיל קוּמֶען צוּם קְוַואל). אוּן דָאס אַנְדֶערֶע שְׁלַאפְקֵייט הָאט דָאס הַארְץ. מַחְמַת דֶעם בֶּענְקֶען אוּן דָאס גְלוּסְטִין וָואס דָאס הַארְץ בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט תָּמִיד. אוּן סֶע גֵייט גָאר אוֹיס צוּ דֶעם קְוַואל. אוּן סֶע שְׁרַייט אַלְץ סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַּ״ל. וָוארִין דָאס הַארְץ שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן שְׁרַייט נַא גִיוַואלְד. אוּן סֶע

המשך אויף זייט 6

בֶּענְקְט אַלְץ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַ״ל.

לוּשְׁמִיר אַז דָאס הַארְץ בַּאדַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן. אַז סֶע זָאל זִיךְ אָפְּסַאפֶּען אַבִּיסְל. אַזוֹי קוּמְט אַגְרוֹיסֶער פוֹיגִיל. אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט דִי פְלִיגְל אוֹיף אִים אוּן פַארְשְׁטֶעלְט אִים פוּן דֶער זוּן. דֶעמוּלְט רוּט זִיךְ דָאס הַארְץ אָפּ אַבִּיסְל. אוּן אַפִילוּ דֶעמוּלְט אַז סֶע רוּט זִיךְ אָפּ. קוּקְט עֶס אוֹיךְ אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל. אוּן בֶּענְקְט אַלְץ צוּם קְוַואל. לוּשְׁמִיר אַז סֶע בֶּענְקְט יוֹא אַזוֹי צוּם קְוַואל.

פַארְוָואס גֵייט עֶר נִיט צוּם קְוַואל. נָאר וִוי בַּאלְד דָאס הַארְץ וִויל צוּ גֵיין נָאהֶנְט צוּם בַּארְג וָואס אוֹיבִין אִיז דֶער קְוַואל. אַזוֹי זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. קָאן עֶר נִיט זֶעהְן דֶעם קְוַואל. אוּן וִויבַּאלְד עֶר קוּקְט נִיט אוֹיף דֶעם קְוַואל. גֵייט עֶר אוֹיס.

וָוארִין גָאר זַיין חִיוּת פוּן דֶעם הַארְץ. אִיז נָאר פוּן דֶעם קְוַואל. אוּן אַז עֶר שְׁטֵייט אַקֶעגִין בַּארְג. זֶעהְט עֶר אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ בַּארְג וָואס דָארְט אִיז דֶער קְוַואל. אָבֶּער תֵּיכֶף וִויבַּאלְד עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם בַּארְג. זֶעהְט עֶר שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ (וָוארִין אַזוֹי אִיז זִיךְ דֶער שְׁטֵייגֶער. בַּיי אַ הוֹיכִין בַּארְג. פוּן וַוייטִין אַז מֶע שְׁטֵייט. זֶעהְט מֶען אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ. אוּן אַז מֶע גֵייט צוּ נָאהֶנְט זֶעהְט מֶען שׁוֹין נִיט אַרוֹיס דֶעם שְׁפִּיץ) קָאן עֶר שׁוֹין נִיט קוּקִין אוֹיף דֶעם קְוַואל. קָאן עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין אוּן אַז דָאס הַארְץ זָאל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין. וָואלְט גָאר דִי וֶועלְט חָרוֹב גִיוָוארִין וָוארִין דָאס הַארְץ אִיז זִיךְ דָאס חִיוּת פוּן אִיטְלִיכֶער זַאךְ אוּן וִוי קָאן דִי וֶועלְט אַ קִיוּם הָאבִּין אָן דֶעם הַארְץ. אִיבֶּער דֶעם קָאן דָאס הַארְץ נִיט צוּ גֵיין צוּם דֶעם קְוַואל. נָאר סֶע שְׁטֵייט תָּמִיד אַקֶעגִין דֶעם קְוַואל אוּן סֶע בֶּענְקְט אוּן סֶע שְׁרַייט תָּמִיד אַז סֶע זָאל קוּמֶען צוּ דֶעם קְוַואל כַּנַ״ל.

אוּן דֶער קְוַואל הָאט גָאר קֵיין זְמַן נִיט. וָוארִין דֶער קְוַואל אִיז גָאר נִיט אִין זְמַן. (כְּלוֹמֶר דֶער קְוַואל הָאט קֵיין שׁוּם צַייט נִיט דְהַיינוּ עֶר הָאט נִיט קֵיין שׁוּם טָאג אוּן קֵיין שׁוּם צַייט אִין דֶער וֶועלְט. וָוארִין עֶר אִיז גָאר הֶעכֶער פוּן דֶער צַייט פוּן דֶער וֶועלְט) לוּשְׁמִיר. וִוי אַזוֹי קָאן דֶער קְוַואל זַיין אִין דֶער וֶועלְט. (וָוארִין אִין דֶער וֶועלְט קָאן זִיךְ קֵיין זַאךְ נִיט זַיין אָן אַ צַייט).

לוּשְׁמִיר גָאר דִי צַייט פוּן דֶעם קְוַואל אִיז נָאר וָואס דָאס הַארְץ שֶׁענְקְט דֶעם קְוַואל אַ טָאג בְּמַתָּנָה. אוּן אַז דֶער טָאג וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְלָאזִין. אוּן וִוי דֶער טָאג וֶועט אַוֶועק גֵיין וֶועט זִיךְ שׁוֹין דֶער קְוַואל קֵיין זְמַן נִיט הָאבִּין וֶועט דֶער קְוַואל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. וִוי דֶער קְוַואל וֶועט נִיט זַיין. וֶועט זִיךְ דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין חַס וְשָׁלוֹם. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם גָאר דִי וֶועלְט בָּטְל וֶוערְן כַּנַ״ל.

אַזוֹי וִוי סֶע קוּמְט נָאהֶנְט צוּם סוֹף טָאג. אַזוֹי הֵייבִּין זֵיי זִיךְ אָן צוּ גִיזֶעגִינֶען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין דָאס הַארְץ מִיט דֶעם קְוַואל. אוּן זֵיי הֵייבִּין אָן צוּ זָאגִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים אוּן לִידֶער אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין זֵייעֶר וואוּילֶע חִידוֹת אוּן לִידֶער. מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט גְרוֹיס בֶּענְקֶעכְץ זֵייעֶר אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין דָאס הַארְץ צוּם קְוַואל. אוּן דֶער קְוַואל צוּ דֶעם הַארְץ.

אוּן דֶער אֶמֶתִּיר אִישׁ חֶסֶד. הָאט דְרָאף הַשְׁגָחָה. אוּן עֶר הִיט דָאס אָפּ. אוּן וִוי סֶע קוּמְט דֶער טָאג גָאר צוּם סוֹף. נָאר עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלָאזְן (וָואס הָאט בַּאלְד וִוי דֶער טָאג וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזִין אוּן דֶער קְוַואל וֶועט שׁוֹין קֵיין טָאג נִיט הָאבִּין כַּנַ״ל וֶועט עֶר אַוֶועק גֵיין אוּן אַזוֹי וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דָאס הַארְץ אוֹיךְ אוֹיסְגֵיין. וֶועט חַס וְשָׁלוֹם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוֹב וֶוערִין).

אַזוֹי קוּמְט אָן דֶער אֶמֶתִּיר אִישׁ חֶסֶד אוּן שֶׁענְקְט אַ טָאג דֶעם הַארְצִין. אוּן דָאס הַארְץ שֶׁענְקְט דֶעם טָאג דֶעם קְוַואל. אַזוֹי הָאט שׁוֹין וִוידֶער. דֶער קְוַואל אַ זְמַן (דְהַיינוּ דֶעם טָאג קָאן שׁוֹין דֶער קְוַואל וִוידֶער אַ קִיוּם הָאבִּין קָאן שׁוֹין דָאס הַארְץ אוֹיךְ אַ קִיוּם הָאבִּין וְכוּ׳) אוּן אַז דֶער טָאג קוּמְט אָן פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט אַזוֹי גֵייט דֶער טָאג אוֹיךְ מִיט חִידוֹת. אוּן מִיט וואוּילֶע שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז דָא אַלֶע חָכְמוֹת. אוּן סֶע אִיז דָא חִילוּקִים צְוִוישְׁן דִי טֶעג. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין זוּנְטָאג אוּן מָאנְטָאג וְכוּ׳. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן יָמִים טוֹבִים. (כְּלוֹמֶר וֶועדְלִיג דֶעם טָאג וָואס פַאר אַטָאג סֶע קוּמְט. מִיט אַזוֹינֶע שִׁירִים קוּמְט עֶר אָן).

אוּן גָאר דֶער זְמַן וָואס דֶער אֶמֶתִּיר אִישׁ חֶסֶד הָאט.

אִיז זִיךְ אַלְץ דָארְךְ מִיר. (דְהַיְינוּ דָארְךְ דֶעם כְּבַד פֶּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) וָוארִין אִיךְ גֵיי זִיךְ אוּן נֶעם צוּם אוֹיף אַלֶע אֱמֶתִי חֲסָדִים. וָואס פוּן זֵיי וֶוערְט גָאר דֶער זְמַן כַּנַ"ל. (אוּן אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער כְּבַד פֶּה קְלוּגֶער אַפִילוּ פוּן דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט עֶר אִיז קְלוּג וִוי וֶועלְכֶער טָאג מֶע וִויל. וָוארְן גָאר דִי צַייט מִיט דִי טֶעג וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים. וָואס דִי טֶעג קוּמֶען אָן מִיט שִׁירִים אוּן חִידוֹת וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת וְכוּ' כַּנַ"ל).

נִמְצָא הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ הַסְכָּמָה פוּן דֶעם אֱמֶתִין אִישׁ חֶסֶד. אַז אִיךְ קֶען רֵיידִין חִידוֹת אוּן שִׁירִים וָואס אִין זֵיי אִיז אַלֶע חָכְמוֹת (וָוארִין גָאר דִי טֶעג מִיט דִי חִידוֹת מִיט דִי שִׁירִים וֶוערִין זִיךְ גָאר דוּרְךְ אִים כַּנַ"ל) הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי אִיךְ. אִיז דָארְט גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן אַ גְרוֹיסֶע חֶדְוָה. אוּן זֵיי הָאבִּין אַ הִילוּא גִיטָאן.

## די דרייצנטע מעשה (4) ־ פון די זיבן בעטלירס

**א. וואס איז דער בעטלער דער כבד פה?**
- ❏ א מליץ און א ריידער וואס איז א ווילד חידוש
- ❏ זייער א גרויסער חכם
- ❏ אינער וואס קען נישט רעדן

**ב. פון וועמען האט ער א הסכמה?**
- ❏ פונעם גרויסן אדלער
- ❏ פון די מדינה של עשירות
- ❏ פון דער אמת'ן איש חסד

**ג. מיט וואס האט זיך בארימט דער פערטער חכם?**
- ❏ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט זילבער
- ❏ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט גאלד
- ❏ אז ער האט אויסגעטראפן וויאזוי מ'מאכט כלי מלחמה

**ד. מיט וואס בארימט זיך דער חכם וואס איז קלוגער פון זיי?**
- ❏ אז ער איז קלוג ווי דער נאכט
- ❏ אז ער איז קלוג ווי דער טאג
- ❏ אז ער איז קלוג ווי איין שעה

**ה. און וויפיל צייט קען מען צוזאם נעמען זייערע חכמות?**
- ❏ אין איין שעה
- ❏ אין איין טאג
- ❏ אין איין וואך

**ו. צו וועם ברענגט דער כבד פה די אמת'ע חסדים?**
- ❏ צו דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❏ צו דעם אמת'ן איש חסד
- ❏ צו דעם גרויסן אדלער

**ז. פון וואו גייט ארויס די קוואל?**
- ❏ פון א שטיין וואס שטייט אויפ'ן בארג
- ❏ פון א שטיין וואס שטייט נעבן בארג
- ❏ פון א טיפע פלאץ

**ח. וואו שטייט די הארץ און ווי שטייט די קוואל?**
- ❏ די קוואל ביי די עק פון דער וועלט און דער הארץ אינמיטן פון דער וועלט
- ❏ די הארץ ביי די עק פון דער וועלט און די קוואל אינמיטן פון דער וועלט
- ❏ די קוואל ביי איין עק פון דער וועלט און דער הארץ ביי די אנדערע עק פון דער וועלט

**ט. וועלכע חלישות האט די הארץ?**
- ❏ ווייל די זון יאגט איר זייער
- ❏ ויל ס'בענקט און גלוסט און גייט אויס צום קוואל
- ❏ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. ווער העלפט פאר די הארץ זיך צו אפרוען?**
- ❏ א גרויסע פייגל וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❏ א גרויסע אדלער וואס שפרייט אויס די פליגלען
- ❏ א גרויסע וואלקן וואס מאכט א גרויסע שאטן

**יא. פארוואס גייט נישט די הארץ צום קוואל?**
- ❏ ווייל ס'איז זייער זייער וויט
- ❏ ויל גייענדיג וועט ער אים נישט זעהן וועט ער אויסגיין
- ❏ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. ווער גיבט זמן פאר די קוואל?**
- ❏ די הארץ גיבט אים א טאג במתנה
- ❏ דער חכם גיבט אים א טאג במתנה
- ❏ די שטיין גיבט אים א טאג במתנה

**יג. וואס פאסירט צווישן די הארץ און דעם קוואל פאר די טאג גייט אוועק?**
- ❏ זיי זאגן חידות שירים און לידער איינער צום אנדערן
- ❏ זיי טוען זיך אפרוען
- ❏ זיי וויינען און שרייען

**יד. ווער גיבט פאר די הארץ א טאג במתנה?**
- ❏ דער בעטלער דער כבד פה
- ❏ דער אמת'ן איש חסד
- ❏ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג

**טו. ווער גיבט די זמן פאר דער אמת'ן איש חסד?**
- ❏ דער וואס איז קלוג ווי דער טאג
- ❏ די קוואל
- ❏ דער בעטלער דער כבד פה

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה פון דעם טאג?**
- ❏ וואס א אמת'ע חסד פון א איד קען אויפטאהן
- ❏ צו וואס מ'קען זוכה זיין אז מ'היט די מויל
- ❏ ______________________.

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

המשך פון זייט 1

בַּת מַלְכָּה – וָועלְכֶע אִיז אַנִידֶער גֶעפַאלְן חֲלָשׁוֹת פוּן דִי צֶען עֶרְלֵיי פֵּיילְן – מִיט דִי צֶען נִגּוּנִים וָואס דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

דָא אִיז טַאקֶע דִי פְּלַאץ צוּ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין בִּיז הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם גֶעוָואלְדִיגְן תִּיקּוּן אוּן אוֹיף וַוייטֶער זִיךְ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אוּן בֶּעטְן בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אָן קַיין פְּחָדִים אוּן אָן שְׁטֶערוּנְגֶען, וַוייל אוּנְזֶער תִּיקּוּן אִיז גֶעוָואנְדְן אִין אָט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק אוּן זַיין הֵיילִיגֶע קֶבֶר אִין אוּמַאן וָואס אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן פַאר אוּנְז אוּן פַאר אַלֶע דוֹרוֹת.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן בְּקָרוֹב גֶערֵיינִיגְט מִיט דִי אֵפֶר פוּן פָּרָה אֲדוּמָה, אוּן בִּיזְדֶערְוַוייל וֶועלְן מִיר גֵיין מִיט דִי וֶועג פוּן תְּמִימָה דָאס אִיז אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם - וָואס אִיז גַאנְץ אָן קַיין פֶּעלֶער אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ 'לְטַהֵר טְמֵאִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ,' אַז מִיר וֶועלְן זָאגְן אוֹיף זִיךְ קָדוֹשׁ – 'מִיר זֶענֶען הֵיילִיג' וֶועלְן מִיר טַאקֶע וֶוערְן טָהוֹר!

## שבת'דיגע ליבט



המשך פון זייט 3

אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט פָאְרן רֶבִּי'ן דִי פִישׁ, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין זוּפּ אָדֶער פְלֵיישׁ, פוּן גְרוֹיס פַּחַד וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פוּנֶעם רֶבִּי'נְס אוֹיסְזֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטֶערְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת.

אִינְדֶערְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, דֶער זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אַלֶע זֶענֶען זִיךְ צוּגֶאנְגֶען.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ זַיין גָאר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' נָתָן אוֹיב עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן ר' נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז פְרוּם – עֶרְנְסְט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: נִישְׁט אַזוֹי ווִיל אִיךְ ! דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה! ווייל שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ נָאכְדֶעם קֶען שׁוֹין אַרוֹיפְקוּמֶען אַ יִרְאָה. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער אַרוּמְגֶערֶעדְט אַז מֶען דַארְף זַיין אוֹיפְגֶעלוּיְנְט אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פַארְמֶערְן מִיט גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, אוּן דָאס וָואס מֶען גִיבְּט אוֹיס גֶעלְט פַאר שַׁבָּת אִיז נִיכְט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דִי בַּאשְׁטִימְטֶע גֶעלְט וָואס אִיז בַּאשֶׁערְט פָאְרן מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "שַׁבָּת אִיז אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד פְרֵיילִיךְ מִיט זַיין פִישׁ אוּן מִיט זַיין זוּפִּיצֶע." דַארְפְן מִיר קִינְדֶער זִיכֶער פְרֵיילִיךְ זַיין, לוּסְטִיג זַיין, בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג אַרַיין... (זוּפִּיצֶע אִיז אַ שֵׁיינֶער שַׁבָּת בֶּגֶד)

אִין אַ תְּפִלָּה בֶּעט זִיךְ ר' נָתָן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ווייל כִּמְעַט אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת. אָבֶּער דוּ וֵוייסְט דָאךְ דִי אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן הִתְגַּבְּרוּת וָואס מֶען פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף מִיר יֶעדֶעס מָאל מִיר צוּ שְׁטֶערְן חַס וְשָׁלוֹם פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת. דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר טַאטֶע אִין הִימְל, אָב הָרַחֲמָן, דֶערְפְרֵיי מִיךְ מִיט דַיין יְשׁוּעָה אוּן זֵיי מִיר מְזַכֶּה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן יֶעדְן שַׁבָּת מִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה אוֹיךְ אוֹיף דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דֶער וָואךְ אוּן אִיךְ וֶועל דוּרְכְדֶעם קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט אַן אֱמֶת'עַ שִׂמְחָה."




יום ספורי מעשיות

פרטים יבואו אי"ה